Digitales Brandenburg

hosted by Universitätsbibliothek Potsdam

# A ṭoyṭ di ḳanibaln!

Markiš, Perec D.
מארקיש, פרץ

Moskve, 1941

נעיפּארט סלאבינאק מעד

urn:nbn:de:kobv:517-vlib-7280

Visual Library

# דעם קאַניבאַלס טראָפּייען

קאַשטאַנען היטן אָפּ די רו פונעם שפּיטאָל,
און ס׳מורמלען שטיל דורך בלעטער זיך די ווינטן:
דער קאַניבאַל האָט אָנגעשמעקט מיט פֿײַער און מיט שטאָל
איבער דער אַלטער הויפּטשטאָט — שלאָפנדיקע קינדער.

ער וועט אַ שלאַכט איצט געבן גרויזאַם און באַטראַכט,
פֿון איבער הויכע וואָלקנס זײַן געווער וועט ער באַווײַזן;
ס׳איז צו דער האַנט אים, ווי אַ גאַנעוו, בעסער דער באַנאַכט
אַ קריכ טאָן איבער שטילע שלאָפנדיקע הײַזער...

נאָר וואַכ איז יעדער שטײן, און וואַכ איז יעדער שטויב,
די שטאָט האַלט גרייט אירע צעשפּרייטע פליגל;
אין שטאָלצער שטילקייט גיט זי זיך אַ הויב,
זי לאָזט פון קײנעם אָפּ קײן רעגע זיך פאַרוויגן.

מיט לאַנגע פענדזלען, פונקט ווי אָפּ אַ הימלשן געמעל,
לאָזט זיך די שטאָט אין אַזאַ שטיל געיעג אים נאָכגײן;
און ס׳גיבן זײַלן ליכט אים אַ פריטשמעל,
און עס פאַרכלינעט זיך פון ליכטיקייט זײַן שוואַרצער גאָרגל.

ער האָט זיך פרי׳ר געוואָרפן אין דער נעץ פון די פראָזשעקטאָרס,
זיי האָבן אים דעם האַלדז פאַרצויגן שטײַף און פעסט;

א שיקערער געשלײַכט האָט ער פונ עק צו עק דאָרט
אונ אויסגעבראָכנ מיט דער גאל זײַנ ברענענדיקע פעסט.

פונ פײַער אונ פונ בלײַ — איבערנ גאָרגל זאט
ליגט ער פארקרימט. דער שווארצער קרײצ אפ אימ זיכ באָמבלט;
נאָר פארנ טויט האָט ער, דער שיקערער פיראט,
איבער א קינדערשנ שפיטאָל אראָפּגעלאָזט א באָמבע.

עס ליגט אינ מאָרג א קערפּער פונ א קינד,
צוקאָפּנס וואכט דער צאָרנ פונ זײַנ היימלאנד;
די שטאָט איז רויִק. אינ דער הייכ באגינט.
דער קאניבאל אינ אש די מאָרדע גראָבט פונ איימע...

ס׳איז ווידער טאָג. געענדיקט דער באפאל.
א שמייכל אפנ קינד אינ מאָרג — פונ אומדערווארטונג;
פארשרײַב עס אינ דײַנ גרויסנ רומ-בוכ, קאניבאל,
אונ טראָג עס צו דײַנ אומגליקלעכנ פאָלק דעמ אָפּגענארטנ.

דערלאנג עס אָנשטאָט ברויט אונ פרײַהײַט — גיי!
אונ בעטל אויס, דײַנ אורטייל זאָל עס דיר פארלענגענ;
קיינ רומ קיינ העכערנ, קיינ גרעסערנ טראָפּיי
וועסטו דעמ אָפּגענארטנ פאָלק ניט ברענגענ!

נו, גיי אונ לײַג, אונ איבעראש מיט דײַנ דערפאָלג,
צעטייל דעמ זיג, פיר אונטער דעמ סאכאקל —
ס׳וועט עפשער קלעקנ האס אונ צאָרנ בא דעמ פאָלק,
עס זאָל דעמ קאָפּ בא דיר ארונטערהאקנ!